# עונג שבת

## פרשת שמיני תשס"ח

**גוט שבת אלע אידן.** יוסי וואליס איז היינט דער מנהל כללי פון דעם באקאנטן מוסד "ערכים" א מוסד וואס איז מקרב טויזנטער אידן ארום די וועלט. די אינטערעסאנטע זאך איז אז יוסי אליין איז געווארן א בעל תשובה דורך ערכים. איז לאמיר דערציילן די גאר אינטערעסאנטע מעשה ווי אזוי יוסי איז געווארן א בעל תשובה.

יוסי איז געבוירן געווארן אין ארץ ישראל, אבער זיין פרייע משפחה איז געקומען וואוינען אין אמעריקא ווען יוסי איז געווען א יונגעל. יוסי איז אויפגעוואקסן ווי אן אמעריקאנישער גוי, רח"ל. ער איז געגאנגען אין פאבליק סקול, און ער האט געהאט גוי'עשע חברים, וכו'. כאטש יוסי איז געווען אינגאנצן פריי, האט ער שטענדיג זיך געבענקט נאך ארץ ישראל, וואו ער איז געבוירן געווארן. נאך זיין חתונה, איז יוסי געגאנגען וואוינען אין ארץ ישראל ווי ער איז גלייך אריין אין די ארמיי. א פאר יאר שפעטער איז ער געווארן א גרויסער עושר און ער האט געפירט א ריזיגען געשעפט אין ארץ ישראל. כאטש אפילו אלע גשמיותדיגע תענוגים האט ער געהאט, אבער די אמת'ע געשמאקע לעבן פון א פרומען איד, האט ער נישט געהאט. ער האט געשפירט א ליידיגקייט אין זיין אידישע נשמה, ביז איין טאג ווען אלעס האט זיך געטוישט...

איין טאג, באלד פאר יוסי האט געדארפט אהיימפארן פון די ארבעט אין שטאט תל אביב, האט ער באקומען א טעלעפאן קאל פון זיין 'אידינע.' זיין אידינע האט דערציילט אז זי האט נישט געהאט די מעגליכקייט צוגרייטן נאכטמאל אויף יענע נאכט. דערפאר האט זי געבעטן פון יוסי אז ער זאל אפנעמען עסן פון א רעסטאראנט און עס אהיימברענגען פאר די קינדער.

יוסי האט גלייך מסכים געווען און ער איז געפארן אין תל אביב צו זיין באליבטע רעסטאראנט, וואס האט פארקויפט חזיר פלייש, רח"ל. יוסי איז געווען א "תינוק שנשבה" און ער האט באמת נישט געוואוסט וואס ס'שטייט און די היינטיגער פרשה, "ואת החזיר וגו'... טמא הוא לכם. מבשרם לא תאכלו..." און דעם חזיר וגו'... איז טמא פאר ענק. פון זייער פלייש זאלט איר נישט עסן. (ויקרא יא,ז-ח) ביי אונז פרומע אידן האבן מיר נישט דעם נסיון פון עסן נישט כשר'ע פלייש, ווייל ס'איז א זאך וואס איז שטארק איינגעבאקן אין אונזערע נשמות. אבער ליידער, ביי אסאך פרייע אידן איז דער נסיון דאך גרויס.

יוסי איז געשטאנען אין די לאנגע שורה אין דעם רעסטאראנט. עס איז געווען זייער א הייסע טאג, און עס האט אים געשטערט צו ווארטן אין אזא לאנגע שורה. ער איז אביסל פארטון געווארן אין זיינע מחשבות, און ער האט זיך דערמאנט וועגן א מעשה פון אסאך יארן פריער.

די מעשה איז געווען מיט זיין מאמע'ס טאטע וואס האט געהייסן ר' שרגא פייוועל ווינקלער. ר' שרגא פייוועל איז געקומען פון פעלדעש, א קליינע שטאט לעבן דעברעצין אין אונגארן. ער איז געווען פון די חשוב'סטע תלמידי חכמים אין די שטאט. ער איז געווען א מלמד און יעדער איינער האט אים זייער מכבד געווען.

אין תש"ד, האבן די דייטשן ימ"ש ארויס גענומען ר' שרגא פייוועל פון זיין היים און זיי האבן אים געשיקט צו א ארבעטס לאגער אין דרויסן פון אונגארן. באלד דערנאך האט די מלחמה זיך געהאלטן ביים ענדיגען. אבער כאטש די מלחמה האט זיך שוין כמעט געענדיגט, האבן די דייטשע רשעים נישט אויפגעהערט צו פייניגען און הרג'ענען די אידן.

אפאר שעות פאר די אידן וואלטן געדארפט באפרייט ווערן, האבן די דייטשן צוזאמען גערופן אלע אידן אין די לאגער וואו ר' שרגא פייוועל איז געווען. די אידן זענען ארומגעשטאנען אין א גרויסן קרייז. די דייטשן האבן גענומען ר' שרגא פייוועל און זיי האבן געהייסן אז ער זאל שטייען אין מיטן דעם גרויסן קרייז. "אין א פאר שעה וועט איר באפרייט ווערן." האט א דייטשן סאלדאט אויסגערופן. "איר ווילט קענען צוריקגיין צו אייער משפחות, וועלכע זענען איבערגעבליבן. אבער דו, דו רבינער," האט דער סאלדאט געזאגט ווייטער מיט א רשעות אין זיין קול, " דו ראבינער, פאר דו וועסט קענען זיך טרעפן מיט דיין משפחה נאכאמאל... דארפסטו ביישטייען א נסיון. איך האב דא אין מיין האנט א שטיקל חזיר פלייש. אויב דו ווילסט דורך לעבן די מלחמה דארפסטו עסן די שטיקל חזיר פלייש פאר יעדען איינעם, טאמער נישט," האט ער געזאגט ווי א ווילדע חיה ארויסנעמענדיק זיין ביקס, "דעמאלט גייסטו זיין דער לעצטער גע'הרג'עט צו ווערן."

ר' שרגא פייוועל האט כמעט גאר נישט געגעסן אין לאגער ווייל כמעט אלעס איז געווען נישט כשר. ער האט געלעבט אויף וואסער, שמוציגע פרוכט און ירקות. ער האט נישט געהאט פלייש שוין אפאר יאר. דער עולם ארום ר' שרגא פייוועל איז געווארן נערוועיס. וואס וועט דא זיין?

"איך גיי נישט עסן דעם פלייש," איז געווען ר' שרגא פייוועל'ס ענטפער נאך א פאר סעקונדעס. מיט איין שאס איז ר' שרגא פייוועל גע'הרג'עט געווארן על קידוש ה' פאר דעם גרויסען עולם פון אידן אין לאגער, נאר א פאר שעות פאר זיי וואלטן בעפרייט ווערן.

יוסי'ס מחשבות זענען צוריקגעקומען צו דעם טריפה רעסטאראנט אין תל אביב. "וואס טו איך דא." האט יוסי אנגעהויבן צו טראכטן צו זיך, "איך שטיי דא און א לאנגע שורה ווארטענדיק צו קויפן חזיר פלייש, פלייש אויף וואס מיין זיידע האט זיך מוסר נפש געווען..." עס האט אים אנגעכאפט א הרהור תשובה און ער איז שנעל ארויסגעגאנגען פון יענעם פלאץ און ער האט נישט געקויפט גאר נישט. באלד דערנאך האט יוסי אלעס דורכגעשמועסט מיט זיין בני משפחה, און זיי זענען געקומען צו די מסקנה אז זיי ביידע שפירן א רוחניות'דיגע ליידיגקייט אין דעם לעבן און זיי ווילן זיך טוישן זייער לעבן. באלד דערנאך זענען זיי געגאנגען צו אן "ערכים" סעמינאר, ווי זיי זענען געווארן אמת'ע בעלי תשובה. דערנאך איז יוסי געווארן איינער פון די הויפט מנדבים פון "ערכים," און דערנאך איז ער אויך געווארן דער מנהל כללי פון דעם מוסד.

ב"ה מיר האבן נישט די נסיונות פון עסן דבר אחר. אבער מ'קען זיך מחזק זיין אין דעם ענין פון שטארק אכטונג געבען צו עסן נאר עסן "בתכלית הכשרות." מיר זענען ה' יתברך'ס **עם סגולה.** כדי צו מקיים זיין אונזער תפקיד, דארפן מיר דאס ריכטיגע עסן. ווען עס קומט צו קויפען עסן פאר אונזערע משפחות לאמיר געדענקען די מעשה, און נאר אהיים נעמען דעס בעסטע עסן. ווייל אונזער רוחניות איז תלוי אין גאנצען אויף עסן נאר כשר'ע עסן "בתכלית הכשרות", אן קיין פשרות. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים • לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)**